ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# נפלאות
# החיים
אידיש

**79**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

# ספור נפלאות

# ה׳ח׳י׳ט.

דאָ ווערט דער צ׳ילט די׳ מעשה, פון וועמען עס איז אַרויס גיקומען האיש המקובל איש אלהי קדוש וכו׳ מוהר״ר יהודה חיט זללה״ה, וועלכער האָט מחבר גיוועזן אויף דעם ספר (מערכת אלקות) איין פירוש אונ הייסט החייט. דער פון קאָן אמענש ארויס נעמען איין מוסר, אַז די׳ בחירה איז ביי דעם מענשן אז ער וויל קאָן ער קומען צו דער גרעסטער מדריגה. אַזוי וויא די׳ גמרא זאָגט דער מענש וואָס וויל זיין גוט אונ וויל קומען צו אַגרויסע מדריגה אין עבודת השי״ת, העלפט מען אים פון דעם הימעל. ובזכות זה יבוא המבשר במהרה בימנו אָמן סלה:

נאַכדרוק שטרענג פערבאָטען.

ווילנא, תער״ב.

בהוצאת בית מסחר הספרים של יצחק פונק.

Разсказъ ГАХАИТЪ.

ВИЛЬНА,
Типографія Б. Ціонсона, Трокская д. 13.
1913.

ויהי היה עס איז געווען אין א שטאט איין רב. ער איז געווען שין
אַלְטן. דאס ווייב איז ביי אים געשטאָרבן. דער רב איז געווען
איין שטאַרקער גאון און אגרויסער צדיק. אז גרויסע לייט פון ווייטע
שטעט האָבן געהאט צווישן זיך משפטים פלעגן זיי פאָרן צו דעם
רב. און אזו ווייא ער האט געפסקנט אזו איז געבליבן. ווייל דיא
גאנצע איז געווען זייער באמת און מיט גערעכטיקייט. ביא דעם רב
פלעגט זיין איין איינגעהר אשניידר. וועלכס קיין גאָייע קרבושים
האט ער ניט געקאנט אוף ארבעטן גאר באפראָווקעס. ליינווענטע
תחתונים אוף נעהין. קיין ווייב און קינדר האט ער ניט געהאט.
דרום איז פר אים גנוג געווען וויפיל ער האט פאר דינט. אזוי
פלעגט אים דר רב אויך געבן אלע וואך אגילדן אדר עפיס מער.
דיא מענשן וואס פלעגן קומן צום רב ביי דעם האט זיך אפ גריסן
אקנעפיל. ביא דעם האט זיך דיא מעשינע צו מרענט פלעגט דר
שניידר פר ריכטן און די מענשן האבן אים געצאלט:

וְלַיָמִים אין אצייט יארן. האט זיך דר רב מישב געווען עס איז
דא פר אים גאר קיין זיצעכץ ניט. ווייל מען דרקוטשעט
אים זייער מיט משפטים. אויך מיט שאלות ובקשות און איבר
דעם קאן ער ניט לערנען. און ניט דינען גאט ב״ה. וועדליג ער
וויל. און וועדליג מען דארף. איז ער תמיד געווען אין דאגות
און יסורים. ווייל ער קאן ניט יוצא זיין פאר גאט אין עבודות
השי״ת וועדליג זיין הארץ גלוסט צו גאט. בלייבט ביא דעם
רב אין דר דיעה. אז ער זאל פון דר שטאט אוועק. אין
אוואָלד אריין. אז קיין מענטש זאל גאר פון אים ניט וויסן.
און זאל דארטן זיצן כל ימי חייו. און זאל דינען גאט בהתמידות
מיט תורה און מיט תפלה. דער שניידר מחמת זיין ערליכקייט.
ובפרט ער איז געווען זייער אגראָבר יונג איז ער געווען זייער ניגריג
ביי זיך. און פלעגט דעם רב תמיד באדינען מיט וואס ער האט
געקאנט און פלעגט ביא דעם רב נעכטיגן. די בני בית וואס איז
געווען ביים רב. האבן אויף אים רחמנות געהאט און פלעגן אים

# מעשה מהחים

געבן אמאל אנבייסן אמאל נעמשירע :

ויהי בחצות הלילה אמאל איז דר רב אויף געשטאנען האלבע נאכט ער זאל פראווען חצות. אזוי ווי זיין מנהג איז געווען תמיד אויף צו שטיין האלבע נאכט אונ פון טאג ווייטן אונ לערנען. אונ דר רב האט געזעהן ווי דר שניידר שלאפט נאך ניט. פון רעכטס וועגן ווייל זיין הארץ האט זייער געגליסט צו (עבודת הבורא) גאנצע דינסט. האט ער דרויף ניט געקוקט. אונ איז צו געגאנגען צום שניידר אונ האט אים אויף געוועקט אונ זאגט צו אים וואש דיא הענט איך וועל דיר עפעס זאגן. דר שניידר האט אך אויף געכאפט מיט גרוס דר שרעק. אונ האט פיקא דיא הענט געוואשן אונ אפ געווישט. אונ איז געקומען צו לויפן צום רב. אונ פרעגט אים וואס ער באדארף. זאגט דר רב זאלסט וויסן אז איך וויל פון דיר האבן אוועק. אונ איך זיך אנוואלד וואס איין מענשן קאן טאן ניט. בכדי איך זאל דארפן דינען גאט בתמידות. קיין מענטש זאל זיך ניט מקבל זיין מיט נעמט זאגן. דר שניידר ענטפערט אים אזוי יא עס איז אמת איר זענט גערעכט איר ווילט דינען גאט בלי הפסק. ווער וועט איך דארפן ברינגן. איר דארפט זיך האבן אמענטשן ער זאל אייך מאכן איין קארן אויף צו זיצן. איר זאלט זיך דארפן בשיצן פון רעגן פון שנייא אויך פון קעלט. איר דארפט האבן איין שטאקשטשאן אייך צו לייגן זיך אפ רוהען. אונ אשטישעל אויף צו לערנן. אויך אבענקל אויף צו זיצן. אונ מען זאל אייך מאכן עפעס עסן. אהעמד אום וואשן. דינט פאר שטיים ווער וועט וועגן זיין ווייב אונ קינדר פארט ווארפן אונ פארן מיט זיך אין איין וויסטן וואלד :

והשיב הרב ענפערט דער רב (קשה דברת) דוא זאגסט זייער רעכט. אונ האסט זייער גוט גענטפערט. זאגט דר שניידר קען דארף איך האבן האט איין ענדר אזאסטאט אזוי. זאגט דער רב איך גיב דיר געלד. אונ זאלסט דאס אין גאנצן קויפן. דר שניידר האט געזעהן אז ער פירט די זאך באמת אונ ער נעמט זיך פון אים ניט אפ פטשען. אונ אויך האט זיך דר שניידר געטראכט. באלד דר רב פארט פון דאנען אוועק וועט אים קומען חלילה שטאכן פון הונגער. עס וועט קיינר אויף אים רחמנות האבן מחמת ער איז זייער אנגראבער יונג. ער קאן נאר קוים

דאוונען אונ קיין שום טייטש ווייסט ער ניט. ענטפערט דר שניידר אזוי. נוא וואס זאל איך טיט אייך טאן. איך מוז טאן אייער ווילן. נאר איר זאלט אויך טאן מיין ווילן. זאגט דר רב וואס דו בגערסט פון מיר וועל איך דיר בוודאי טאן:

ויען החייט ענטפערט דר שניידר דעם רב. אזוי ווי איר ווייסט אז איך בין זייער אגראבער יונג אונ ווייס גאר ניט ווי אזוי דיא וועלט איז בשאפן געווארן. אונ ווער האט זיא בשאפן. אונ וואס הייסט תורה חומש. לכן אוב איר קאנט זיך אונטער נעמן אז איר זאלט מיט מיר לערנן אלע טאג איין פסוק חומש נאר מיט טייטש און אשום פירוש. בכדי איך זאל וויסן חאטשי טייטש אין חומש. וועל איך מיט אייך פארן אדר גיין. אונ וועל אייך ביי דינן מיט אלע זאכן כפי אייך שטייט אן. זאגט דר רב ג וואס וועט מיר ארוס קומן וואס איך גייא אין וואלד. וועל איך דאך אלץ האבן ביטולים. איך וועל דארפן מיט דיר לערנן. זאגט דר שניידר נוא ווי איר ווילט זיך. אנדרש וויל איך ניט. איך וויל זייער צו וויסן חאטשי די טייטש פון דר תורה. דר רב האט געזעהן אז ער קאן מיט אים ניט מאכן אנדרש. האט ער אים צו גזאגט אז ער זאל מיט אים לערנן אלע טאג אפסוק חומש אונ נאר מיט טייטש ווערטר אזוי איז גבליבן צווישן זייא. אין דר פריא גיט דר רב דעם שניידר געזיד אז ער זאל די אלע זאכן איינקויפן. אויך אפערד מיט אוועגעלע. אונ זאלן אין אגוטע שעה אוועק פארן:

ויהי כשמוע אנשי העיר אבר אז די אלע שטאט לייט האבן דר הערט אז דר רב ווארפט זיי אוועק (התקבצו כולם) האבן זיי זיך איינגיזאמלט אלע אין איינם. אונ זענן גקומן צו לויפן אונ האבן אנגיהויבן צו וויינן אונ שרייען. אוף וועמן ווארפט איר אונז אוועק. האט זיי דר רב געענטפערט. איך בעט אייך וויינט ניט אונ שרייט ניט. אמת איך בין ביז אהער פון אייך גוועזן זעהר צו פרידן. נאר מיינט קען איך אייך גאר ניט העלפן. איך מוז אוועק גלייכר צו דינן נאט ב״ה אידר צו דינן מענשן. בקיצור זיי האבן זיך איבר גוויינט אונ האבן זיך מיט דעם רב געזעגנט אוף דעם שענקמטן אופן. דר רב האט זיי אויך גוואונטשן פיל גוטס אונ פרנסה והצלחה

# מעשה מהודים

## במעשי ידיהם:

ויסעו. דר רב מיט דעם שניידר זענען אוועק גפארן לשלום. אבער קיין וועג ווייסן זיי ביידע. נאר ווי אהין דם פערד גייט. געהן זיי נאך. אונ צום מיינסטן פירט זיי דם פערד איבר וועלדר. גאט הט געהאלפן זיי זענן אן געקומן אין אמיטן וואלד אנידערבן. דארטן איז דעם רב גפעלן זיך צו ביי זעצן:

מייד באלד הט דר שניידר גנומן זיינע כלים ארום. היינו די האק די זעג. אונ הט גמאכט איין שטיקל פלאץ. אונ פון דעם האלץ הט ער גימאכט אין קארין. אונ איין פרוטעסט אויף צו שלאפן. אביין גשלאגן פלעקר אונ הט אים גמאכט אטיש אויף צו לערנן. אונ איין בענקל אויף צו זיצן. אונ אז דר שניידר הט שון אלדינג גקאנטשעט וועגן דעם רב. הט ער ווידר גיגראבן ער זאל מאכן אמקוה פון דעם רבי וועגן. אונ הט ווידר אן גיטראגן זייער גוטע וואסר אויף צו צו טרינקן אונ אויף צו קאכן. דר נאך זאגט דר רב צום שניידר וואס עס איז שון אלץ רעכט אונ גוט. נאר אז דו וועסט ...ן מיט מיר וועסטו דאך מיך מקבל זיין, על כן זאלסטו זיך ...ך מאכן אבאזונדרע קארין אונ זאלסטו דיר זיצן באזונדר. אין קירצן דר שניידר הט זיך אויך גמאכט אקארין אונ פלעגט דארטן קאכן אונ באקן אונ פלעגט טראגן עסן דעם רב. אונ פלעגט פר בעטן אונ אום קערן טאסר שטעקן. אלץ וואס דר רב הט גידארפט הט ער אים גטאן. אונ דר רב איז דארטן אליין גזעסן על התורה ועל העבודה. נאר ביי טאג פלעגט דר שניידר גיין צום רב מיט דעם חומש לערנן זיין פסוק אזו ווי דר מדובר איז גוועזן צווישן זיי. דר רב הט אנגיהובן צו לערנן מיט אים פון אנהייב חומש בראשית. אונ אלע טאג נאר איין פסוק. נאך דעם לערנן איז דר שניידר אהיים גיגאנגן אונ איז גזעסן אגאנצן טאג אונ הט זיך גחזרט עברי-מיט טייטש. נאך דעם איז זיי אום גפאלן דם שפייז הט דר שניידר גנומן דם פערד אונ וועגילע אונ איז אריין גפארן אין איין ישוב. ער איז גוועזן דריי מייל ווייט. אונ האט דארטן פר קויפט די עגלה מיט דעם פערד. אונ הט אן גקויפט

שפיין און איז צוריק געגאנגען און קיין שום פון אדם האט ניט געוויסט ווער ער איז און פון וואנען ער איז. אזו איז געווען אלאנגע צייט. און דר שניידר האט אלע טאג זיין צייט גהיט, און אלע טאג געין לערנען אפסוק. ביז ער איז געקומען צו דר סדרה וישלח. צום פסוק (וילך ראובן וישכב את בלהה פילגש אביו). דר רב פייטש אים. וילך עס איז געגאנגען ראובן. וישכב און האט זיך געלייגט את בלהה מיט בלהה. פילגש אביו דם קעפש ווייב פון זיין פאטר. דר שניידר איז זיך אוועק געגאנגען אין זיין קארין; און האט אן גהובן תזערן דעם פסוק. פאלט אים איין אקשיא. שטייטש ער האט גיהערט פון זיין רב. אז ער האט געזאגט ביי אברהם איז געווען צוויי זין איינר אגוטר דר אנדערר אשלעכטר. יצחק האט אויך געהאט צוויי זין איינר אגוטר דר אנדרער אשלעכטר. יעקב אבינו האט געהאט צוועלף זין. און זיי זענען געווען אלע גוטע. און ראובן איז געווען דר בכור. ולסוף זאגט די תורה עדות אויף ראובן אז ער האט געטאן אזוי אמעשה רע און איז געלעגן מיט דעם פאטרס פילגש מיט בלהה. בלייבט ביי אים אין דר דעה אז ער וועט טראגן דעם צדיק עסן. וועט ער אים פרעגן ווי קומט דס אז ראובן זאל אזוי אזאך טאן. און די תורה זאגט עדות אז ער האט אזו געטאן. בקיצור עס איז אזו געווען. דר שניידר טראגט דעם רב עסען אויף דר נאכט און שטייט לעבן דעם רב. פרעגט אים דר רב פר וואס גייסטו ניט אהיים אין דיין קארין. זאגט ער איך האב אייך עפעס צו פרעגן. זאגט דר רב שאל בני. פרעג מיין קינד. זאגט דר שניידר מיט גרוס פחד. רבי איר אליין האט מיר געזאגט. אז אברהם אבינו און יצחק האבן געהאט צו צוויי זין איז אלץ געווען איינר אגוטר און דר אנדרער אשלעכטר. אבר יעקב אבינו האט געהאט צוועלף זין און אלע צדיקים און ראובן איז געווען אבכור איז ער בוודאי געווען אצדיק. ולסוף זאי ראובן טאן אזוי אמעשה וועלכם די תורה זאגט עדות אויף אים אז ער האט אזו געטאן. אז דר רב האט דר הערט די שאלה. האט ער אויף דעם שניידר אגרויסן געשריי גיגעבן און זאגט צו אים. גראבער יונג טוא אקוק אין רש״י וועסטו זעהן דעם פשט. דר

שניידר קאן אבער נים קיין עברי אין רש"י. ווייניג וואס נעט גר קוקען. ער איז אוועק גיגאנגן פון דעם רב זייער פראערדיק גאר פון דעסט וועגן איז ער גיגאנגן צום רב אלע טאג אונ האט אים משמש גוועזן אזו ווי אלע טאג. גאר ביי דעם שניידר אין הארץ איז גיבליבן אז דר רבי וועט אים נים פר ענטפערן די שאלה. וועט ער מיין נים רעדן. ווארום וואס טויג אים דם רעדן אז ער ווייסט גיט וואס ער רעדינט. עס איז אוועק גיגאנגן עטליכע טעג דר שניידר גייט שון נים צום רב לערנן. גאר צו ביי דינן אים גייט ער אזו ווי א ג- צייט. דער רב האט דער פון גרוס פרייד וואס ער גייט נים לערנן. ווייל ער איז אים נים מקבל פון זיינע עובדות. אבער דר שניידר זיצט איבערן חומש (יומם ולילה) ביי טאג אונ ביי נאכט. אונ וויינט אונ שרייט צו גאט ב"ה אונ זאגט אזו רבש"ע אוב דו ווילסט נים אז איך זאל וויסן וואס אין דר תורה שטייט. ובפרט די שאלה וואס איך פרעג. וויל איך נים לעבן אוף דר וועלט. וואס טויג מיר די וועלט אז איך בין אזוי אגראבר יונג. אז איך וועל שטארבן מיט וואס וועל איך קומן אוף דעם עולם האמת. אונ האט אן גהויבן צו פאסטן הפסקות משבת לשבת אונ האט זיך גיפייניגט זיין לייב מיט אליירליי שלעכטיקייט וואס גפינט זיך אוף דר וועלט. אבער בי דעם צדיק פלעגט ער גיין. אונ קאכן אונ באקן אונ ביי דינן אים אזו ווי תמיד. אונ דר צדיק פרעגט ביי אים נים פר וואס האט ער אזוי אשלעכט פנים. אונ דר שניידר זאגט אים אויך גאר נים. אין קורצן דר שניידר האט זיך אן גמאן אזו פיל ענוים קשים. אז ער איז שון גוועזן מסוכן ער איז שון גזאלט גיין פון דר וועלט. איז גווארן אין הימעל איין גרויס גישרייא. אלע מליצי יושר האבן גשריגן פר גאט. אין פר דעם ב"ד של מעלה. היתכן פר וואס קוקט מען זיך נים ארום. אז איהודי איז זיך מוסר נפש איבר ראובן אונ ער גייט באלד פון דר וועלט. האט דם ב"ד של מעלה ג[illegible] רופן ראובני בכור יעקב. אונ האבן אים גזאגט זאלסט וויסן אזו ווי דר שניידר האט זיך מוסר נפש גוועזן איבר דיר טייל זיי- נויקסט נים דעם פשט פון דעם פסוק. אונ באלד גייט ער-

גיפינט. אונ אז דר בייזער איז אריין גיגאנגן אין דר טשע־
נאך גיגאנגן וועדליג דר שרייבר האט גזאגט אז עס קומט קמילא
גישט קשה זיי גייען אריין אין פאלאץ זיי קומן אין דר פרעדנגע
זייער שיין גימאכט אונ קיינם זעהט מען ניט. דר בייזער
דר זעהט אטיר מיט אגילדענם שליסל צו דר רעכטר זייט.
דרייט ער אדריי דעם שליסל אונ אלץ מיט כעס. קומן זיי
אריין אין איין חדר זייער שיין גימאלט. אונ עס שטייט
אטישל מיט צוויי בענקלך. וועלכע זיי האבן אזו אטיש אונ
בענק ניט גזעהן. אויף דעם טישל ליגט אספר מיט גילדענע
האקן פר טשעפעט. פון אויבן איז גישטאנען אויף דעם ספר
באותיות גדולות (זה ספרא דאדם קדמאה) דר בייזער וויל אויף
עפינן אונ זעהן וואס דארטן שטייט. אבר די האקן קאן מען
ניט אפ טשעפין. ער שרייט צו דעם גוטן וואס שווייגט איר,
מיר זענן ניט קיין צדיקים אז מיר זאלן ניט ווערט זיין אריין
קומן אין דעם ספר. דר גוטר שווייגט אונ זאגט נוא אדרבה
עפינט. דר בייזער זאגט אשם אבר ער עפינט זיך ניט. ער
זאגט נאך אשם ער עפינט זיך ניט. דר צדיק איז אין גרוס
כעס. אונ דם הארץ וויינט אין אים. שטייטש ער זאל ניט
קאנן זעהן וואס דארטן שטייט דר גוטר שווייגט:

וויין כך דר זעהט דר בייזער ווידר אטיער אונ אויך מיט
אגילדענם שלאס. לופט ער צו. צו דר טיער אונ טוט
מיט כעס אדריי דעם שלאס. ער זעהט אז דם איז אגרויסע
סאליע. גיצירט מיט אבנים טובות אונ זייער שיין גמאכט.
אונ זעהט אז אויבן אן זיצט איין אלטע יודענע. אונ האלט אויף
דר שוס אזופף. אונ לעבן איר שטייט נאך אזופף. אונ זיא
נעמט פון איין זופף בלעטליך אונ רייבט איבר מיט די פינגר.
אונ ווארפט אין דר אנדערר זופף. דר בייזער שטייט אונ
קוקט זי אן. דר נאך זאגט דר בייזער גוט מארגן. זאגט זי
גוט יאר מיין קינד. דר צדיק פרעגט זי וואס טוט איר דם.
ענפערט זי איך האב אויף דר וועלט קינדערליך וואס זיי פאסטן
הפסקות משבת לשבת. אז איך רייב איבר די בלעטליך גייט
דר ריח אויף דר וועלט דר פון האבן זיי חיות. פרעגט ער
זי ווי אזוי הייסט דו זאגט זי שרה. ווי אזוי הייסט דיין מאן

וועט גיין זיך אנפרעגן ביי דעם שניידר אז ער וועט אים הייסן גיין וועט ער גיין . אונ אז ניט מען זאל אים געבן (מי יודע) ווי פיל אזוי וועט ער בוודאי ניט גיין . אין קורצן ער איז גיגאנגן צום שניידר . ווי ער איז אריין גקומען זאגט דר שניידר צום אלטען צדיק נאך איידר ער הט אים גיפרעגט . נוא גיין עס איז שון צייט איר זאלט זיצן בריות ובכבוד . שפארן מאר מען ניט אז עס וועט קומן מטילא . גישט קשה אזאך נייגן דארף מען ניט . אונ נעמט די האנט ביי אים אונ גזעגינט זיך . ער וויל אים פרעגין נס ער זאגט אבר ער הט מורא . בקיצור זיי זענן גקומען צו די אורחים אונ האבן זיי גזאגט אז זיי גייען בעידע . אוף די אורחים איז גווארן אגרויסע שמחה זיי זענן גלאפען אין שטאט אריין . אונ האבן גדונגן אבויר פר נעמן די ספרים מיט זייערע מטלטלין . אונ די צדיקים האבן גזאגט זיי טעקן גיין צו פוס . די אורחים זענן אוועק גפארן . אונ זיי האבן אן גהובן צוא גיין . אונ מיטן וועג האבן זיי זיך גפונען אשטוב אין קבלה . זיי האבן זיך אזו אריין גלאזט . אז זיי זענן אוועק גיגאנגן דריי טאג אונ דריי נעכט . אונ זיי האבן ניט גוויסט פון טאג אונ פון נאכט . נאך די דריי טעג . זיי האבן גקאנטשעט דעם וועג . קוקן זיי זיך ארום וו[illegible] זענן זיי . זיי זעהן זיי שטייען אין מיטען . קיין וועג זעהן זיי ניט . דר בייזער זאגט צו דעם נוטן שמייטש וס איז דס ווו[illegible] זענן מיר . זאגט דר נוטר לאמר גיין ווייטער וועט השי"ת אונז העלפן מיר וועלין אן קומן צו אוועג געהן זיי ווייטער אונ קומן שון זיי זאלן קריגן אוועג . ווי זיי געהן דר זעהן זיי פון ווייטען אגרויסן פאלאץ שטייט זיי ציהן זיך צו דעם פאלאץ . זיי זענען שון אנגיקומען אהין . איז אגיטווערטר פארקען אגאנץ הויכער אלאונגער אברייטער . זיי האבן אנגיהויבן ארום גיין זוכען אטירער ווי אריין צו גיין אין דעם פאלאץ קוים זיי האבן גפונען אטויער נאר עס איז פר שלאסן זיי קוקן אוף דעם טויער שטייט גישריבן **זה השער לה' צדיקים יבאו בו** דר בייזר זאגט צו דעם נוטן . וס איז מיר זענען ניט קיין צדיקים פר וס זאל מען אונז ניט עפינען . ער קלאפט אין טויער אונ שרייט עפינט . אבר מען עפינט אים ניט . דר בייזער זאגט אשם . האט זיך דר טויער

זאגט זי אברהם. ווי ער האט דאס דער הערט טוט ער אגשריי
ביסטו זיך מיין מאמע און דיין מאן איז מיין טאטע. זאגע
מיר פאר וואס איז דער טאטע ניט דא. זאגט זי ער איז אוועק
געגאנגען אין גן עדן ברענגען פרישע בלעטליך. זאגט אלץ דער
צדיק מאמעניו פאר וואס וויל זיך ניט עפענען דער ספר (אדם
קדמאה) זאגט זי קינדעליך איר זענט שוואכע צדיקים. נאר אין
דעם ספר זענט איר נאך ניט ווערט צו קוקן. ווארום איר
זענט נאך ניט ריין. פרעגט ער זיי וואס זאלן מיר טאן.
זאגט זי גייט ארויס פון דעם טויער וועט איר דער זעהן
א שטעצקעלע. זאלט איר גיין מיט דעם שטעצקעלע. וועט איר
קומען צו (בארה של מרים) דער ברונן פון מרים הנבואה. אז
איר וועט זיך דארטן אפ טובלען וועט איר קאנען קוקן אין
דעם ספר אריין. דער בייזער חאפט דעם גוטן קומט לאמיר
גיין. זיי דער זעהן א שטעצקעלע. זיי גייען מיט דעם שטעצקעלע
זענען זיי אנגעקומען צו דעם ברונן. איז פון אויבן א קליין
שטיבל מיט א טירל אקעגען. דער בייזער עפנט אויף דאס טירל
און גייט אריין. ער זעהט עס שטייט אין שטיבל א מקוה.
און פון אויבן אויף דעם וואסער איז בדעקט מיט (נחשים
ועקרבים) שלאנגען און עגדיסן און אלע שטייען מיט די קעפעך
ארויף. און עס איז צווישען זיי אגעסעקריי אז עס איז סכנות
נפשות. דער בייזער זאגט צום גוטן נא וואס שווייגט איר.
מען דארף פארט וויסן וואס אין ספרא דאדם קדמאה שטייט.
און נעמט און ווארפט אראפ פון זיך די קליידער. און טוט
דעם רעקל פיס אשפאן אויף די קעפ פון די שלאנגען. די
נחשים ועקרבים זיי האבן דאס דער זעהן. זיי האבן זיך באלד
צו נויף גזאמלט איינס אויף דאס אנדערע אין א ווינקעלע. און דער
בייזער איז אריין געגאנגען אין מקוה און געשטאנען. און האט
מכוון געווען כוונות המקוה. און האט זיך אונטער געטונקען (בין
כף ובין כף) בשעת דער בייזער האט זיך פאר זאמט אין
מקוה. דער גוטער האט זיך אויך אויס געטאן און האט זיך אויך
מוסר נפש געווען און איז אויך אריין געגאנגען אין מקוה און האט
אויך מכוון געווען כוונת המקוה און האט זיך אונטער געטונקט.
און זענען ארויס געגאנגען. באלד ווי זיי זענען ביידע ארויס געגאנגען

האבן זיך די שלאנגן מיט די עגרישן צוריק פר שפריים אוף דעם וואסר. זיי גייען ארום פון דעם שטיבל פון דר מקוה און ווילן גיין צום פאלאץ זיי גייען און גייען אין דר לענג און אין דר ברייט ניט דא קיין פאלאץ. זיי קערן זיך אום צום שטיבל ניט דא קיין שטיבל. אין קורצען זיי שטייען אין אמיטן סטעפ. דר בייזער אויף דר נטר האבן אנגיהובן צו שרייאן און וויינען מאמע. וואס האסטו אונז אפ גנארט. האבן מיר גדארפט אזוי מוסר נפש זיין. ולסוף האבן מיר אן גווארן די מאמע אויך און ספרא דאדם קדמאה האבן מיר נאר ניט גזעהן וואס דארטן שטייט זיי האבן אזוי לאנג גוויינט ביז זיי זענן גפאלן צו דר ערד מיט דעם פנים. איז ארום גיגאנגן אבת קול פון הימל. און האט זיי גזאגט קינדר הערט אויף פון וויינען. גנוג פר אייך אזוי אז איר האט זוכה גוועזן צו טובלן זיך אין בארה של מרים. און וויינט ניט קיין סאך. האט דר בייזר אגישריי גיגעבן (אין משגיחין בבת קול) מיר הערן ניט קיין בת קול. און וויינען און שרייאן. גלייבר וואלט גוועזן פר אונז מיר זאלן גוועזן זיין לעבן דר מאמע. וואלטען מיר גוועזן גישטארבן לעבן דר מאמע. איז דם אנדרע מאל ארום גיגאנגן אבת קול און זאגט צו זיי קינדר הערט אוף צו וויינען וואריום איר וועט (מהפך זיין עלמא לתוהו ובוהו) חרוב מאכן די וועלט. גנוג פון אייערט וועגן אז איר האט זוכה גוועזן צו זיין בייא אייער לעבן אין היכל (קן צפור). דר גוטר האט זיך דר מאנט אין דעם שנויידרס אן זאג. אז קיין סך וויינן טאר מען ניט. איז ער תיכף אוף גישטאנען פון דר ערד. און האט אנגיהובן דעם בייזעם (מנחם) זיין טרייסטן. אז וואול אונז אז מיר האבן דר צו זוכה גוועזן. זיי האבן אוף גהערט צו וויינען. שוט דר בייזער אגישריי מיר ווייסן דאך ניט ווי אונזר וועג איז קיין בבל. איז גקומן צו זיי איינר און זאגט צו זיי גייט מיט דעם וועג גלייך זענט איר שון אונטר בבל און איז ניט געבליבן. זיי זענען אן גקומן אונטר דר שטאט בבל. די שטאט לייט האבן זיך שון גרעכט אוף זיי. איז מען גישטאנען פיקעטן ווען מען וועט זיי דר זעהן גיין זאל מען מודיע זיין אין שטאט אריין:

בכך הוה אזוי איז גוועזן. די פיקעטן האבן זיי דר זעהן האט פון

מען באדר געגעבן צו וויסן אין שטאט אריין מען איז ארום
געפארן מיט קארטעס מיט דראשקעס בעטעט די גאנצע שטאט ,
אונ מען האט זיי אריין גנוטן מיט גרוס כבוד :

בהזור לענין הראשון יעצט לאמר אנהייבן צו רידן פון דעם
שניידר ער איז דארטן געזעסן נאך אצייט אונ ראובן
מיט דר גאנצר פמליא פלעגן גיין אלע נאכט לערנן . ביז ראובן
האט אים געזאגט נא גנוג מער דארפסטו שון גיט . עס איז צייט
דו זאלסט נעמן אווייב אונ זאלסט האבן אקינד אז ער זאל
מאכן אחיבור (ספר) זאלסטו אזו טאן דו זאלסט גיין אין דר
גרויסר שטאט אונ דארטן איז פר האנדן איין אלמנה אבייכע
זאלסטו צו איר אריין גיין אין איר חדר . אונ אז זי וועט דיך
דר זעהן וועט זי דיך נעמן . אונ וועסט האבן מיט איר אקינד
זאלסטו אים אנאמען געבן ר' יהודא :

כן היה אזו איז געווען דר שניידר האט זיך געזעגנט מיט ראובן
אונ האט גזאגט אשם איז ער דעם טאג געקומן אין דר גרויסר
שטאט . אונ ער איז געוועזן זייער נאקיט אונ באָרוועס אונ פרעגט
זיך צו אלמנת די רייכע . די מענשן האבן זייער געלאכט אלייטעשער
מענש קאן צו איר אזו גיך ניט צו טרעטן אונ ער וויל גיין צו
איר . נאר ער האט אבר זייער געבעטן מען זאל אים ווייזן צו
איר האט מען אים געוויזן . די צייט איז געווען נאך מעריב . ער
איז גיגאנגן אין דעם טויער אריין די מענשן פרעגן אים צו
וועמען דארפסטו איר זאגט ער צו דר אלמנה . ווילן זי אים ארויס
טרייבן . האט ער זיך זייער געבעטן בייא זי ניט זאגט איר אז
איין ארימאן דארף צוגא איר האבן נייטיג . זייא האבן געזען אז
זייא קענן זיך ניט אפ טשעפן פון אים . איז איין משרת אריין
געגאנגען אונ זאגט איר אז איין ארימאן דארף צו איך . האט זי
אים תיכף געהייסן אריין לאזן . ער איז אריין געקומן אונ זאגט
איר גוטנאכטענט . זי נעמט אים צו מיט גרוס כבוד . אונ עפינט
אויף אשאפע מיט איר קלייטן באנץ מלבושים . אונ זאגט אים
טאס דיר אהן וואס פאר אקליידר איר ווילסט . אונ איך וועל שיקן
נאך דעם רב אונ כהן זייא זאלן אונז געבן [illegible] . זייא
האבן דיא שייטעע [illegible] געמאכט צו [illegible] . אונ [illegible]
[illegible] . [illegible] [illegible] .

אונ ער הט אים. איין נאמן גיגעבן ר' יהודא. די שמחה אונ
פרייד וואס זיא האבן ביידע געהאט דעם טאג איז ניט צו דר
שרייבן. זיי האבן ביידע גיוויסט ווער עס איז געבארן געווארן.
דר יונג איז אלט געווארן צווי יאר ער איז מיט אלע מעלות.
ער האט א דיבור אונ שכל אזו ווי איינער פון פערציג יאר. צו
דרייא יאר פון זיין געבארן הט דר פאטר מיט אים אנגיהויבן
צו גיין אין פעלד. אין אהייל אריין. אונ הט אים מוסר געווען
אין גאנצן וואס ער האט געלערנט מיט ראזיעל. צו אכט יאר
איז דר פאטר גישטארבן אונ דיא מוטר ווערענט געווארן.
זיא זענן גיבליבן קבצנים דר ר' יהודא האט געזעהן אז זיא
האבן ניט פון וואס צו לעבן. האט ער זיך גישטעלט ביי איין
שניידר איז ער ביי טאג געווען איין שניידר. אונ ביי נאכט האט
ער שון געהאט איין ארט וואס ער פלעגט זיצן אונ לערנן אונ
אליהו פלעגט צו אים אריין גיין. דיא שטאט לייט האבן אים
גרופן ר' יהודא חייט. אונ ביז דרייצן יאר האט ער מחבר געווען
אויף דעם ספר וואס ער הייסט דר נאמן **מערכת אלקות** אונ
אונ דער פירוש הייסט **החייט** אונ ער איז גישטארבן גאר יונג.
קודם פטירתו האט ער גרופן דעם רב פון דר שטאט אונ הט
מסר געווען דיא כתבים. אונ האט אויך אים גוזר געווען בגזירה
חמורה, אונ האט אים אלס גזאגט אונ דר ציילט דיא גאנצע
מעשה פון זיין פאטר אויך נאר ער איז. אונ באלד אחר פטירתו
זאל דיא שטאט געבן אויף הוצאות הדפוס. אונ מען זאל דעם
ספר דרוקן. אונ מען האט אים אפ גידרוקט איינמאל ער
געפונט זיך היינט איינער אין כמה שטעט. דרינט פאר שטייט
אחינו בני ישראל. וויא גאר מענש קאן פון זיך מאכן
אז ער זאל קומן צוא די גרעסטר מדריגות בעבודות הבורא
ב"ה. וזכותם אונ זייער זכות זאל אויף אונז מגן זיין
בעולם הזה ובעולם הבא. ויבוא גואל צדק במהרה בימינו
אמן נצח:

ענדע